03
פרשת במדבר
May 10 2026



שכונת ויואל משה
דיין לאקאלער צירקל
letters@svmkipka.com • 845.682.1282



# שכן צו שכן

**לכבוד מיין שכן,**

איך האב שוין לאנג געוואלט רעדן צו דיר איבער א נושא וואס שטערט מיר, אבער היות איך פיל נישט באקוועם דאס צו טון פערזענליך, האף איך אז דו וועסט עס דא ליינען און מיר פארשטיין.

עס קומען שוין אט די הייסע טעג, ווען אין די פארגאנגענע צוויי-דריי יאר פלעגסטו יעדן טאג אויפשטעלן א סווימינג פול. איך שטעל מיר פאר אז דעם זומער פלאנסטו ווייטער אזוי צו טון. איך פריי מיך זייער אז דיינע קינדער האבן הנאה, אבער איך בין זיכער אז דו כאפסט נישט וואס עס געשעט נאכדעם ווען מען גיסט עס אויס, אז ביי מיר, דיין אונטערשטע שכן, ווערט א חורבן.

שוין צוויי זומערס וואס איך האב דורכגעשטופט מיט א נאסן סיידוואק אנצוקומען צו מיין הויז-טיר און א מאראסטיג הויז. אזוי אויך האסטו שוין אנגעגאסן מיר און מיינע ריינע וועש וואס האבן זיך געטריקנט אינדרויסן. איך בין זיכער אז דו האסט גארנישט געמיינט שלעכטס, נאר פשוט נישט אראפגעקוקט און נישט צוגעלייגט קאפ, אבער איך האב שוין געהאט פיל שאדן.

דעריבער וויל איך דיר אויפקלערן אז עס איז דא א זייער גרינגער וועג אראפצולאזן א פול אן עס איבערדרייען אינגאנצן. עס איז זייער גרינג און עס וועט זיין פאר מיר א גרויסע טובה: מען קאנעקט דעם פייפ צום ספאוט, דעם אנדערן עק לאזט מען אריין אינעם פול אונטערן וואסער און מען צינדט עס אן. ווען עס רינט שוין אריין וואסער אינעם פול, דיסקאנעקט מען דעם עק פון די וואנט זייער שנעל און מען שיסט עס ארויס פונעם פארטש צום פלאר, אזוי אז עס זאל זיין נידריגער ווי דער פארטש. דורך דעם שנעלן טויש וועט זיך עס פון זיך אליין אנהייבן צו סאקשענען, און דאס וואסער וועט ארויסרינען אין א דינעם שטראם אן מאכן א ים אויף די גאנצע ארומיגע געגנט. איך בעט דיר זייער עס צו פרובירן און רעכן זיך מיט די שכנים פון אונטן, און דו וועסט אליין הנאה האבן פון א גרינגן און ריינעם וועג אויסצוגיסן דיין פאָל.

יישר כח!

## פידבעק אויף אדווערטייזערס

א דאנק פאר די "קופקע" אויסגאבע; עס איז א גאר קריעטיווער איידיע וואס לעבט אויף אונזער שיינעם געגנט.

איין אויפטו וואס איז שוין געווען מיט אייער ערשטע אויסגאבע: מיין בעיבי האט זיך פונקט נישט גוט געפילט און געהאט הויך פיבער. עס איז שוין געווען נאך זעקס אזייגער און מיר האבן געוואלט גיין צו א געהעריגן דאקטאר, נישט אין אן "אורדזשענט קעיר". האבן מיר פונקט געזען די עד פון "נעסטוועל מעדיקל סענטער" אויפ'ן 17M, וואס איז געווען אדווערטייזט אויפ'ן פראנט קאווער אז זיי זענען אפן ביז ניין אזייגער יעדע נאכט מיט זייערע געהעריגע דאקטוירים, זענען מיר אהינגעגאנגען.

איך בין געווען סורפרייזד צו זען ווי נאנט דאס איז צו אונזער געגנט. מיר זענען געווען שנעל אריין און ארויס און באקומען א גאר

◄




ads@svmkipka.com
845.682.1282

# שכן צו שכן

העפליכע און גוטע סערוויס. וויבאלד מיר האבן געמופט פון שטאט בלויז א האלב יאר צוריק, האבן מיר זיך נאכנישט געשטעלט ביי קיין געהעריגן דאקטאר; אבער האבנדיג די גוטע עקספיריענס מיט "נעסטוועל", האבן מיר שוין ב"ה געטראפן א סענטער מיט גאר גוטע דאקטוירים.

האלב פרייז אדער נאך ווייניגער פון דעם וואס מיר האבן פריער געזען. זייער סעילסמאן איז אראפגעקומען און פונקטליך אויסגעשמועסט די אפציעס, פרייזן און קוואליטעט, ביז מיר האבן אליין נישט געגלייבט אז מיר ווען אזוי שנעל קענען אויסשטאפירן אונזער נייע הויז מיט אזעלכע שיינע סחורה, ברוך השם.

מיר האבן אייך געוואלט זאגן, אז איר האט אריינגעלייגט אן עד פאריגע וואך אין אייער אויסגאבע פון "בריז לייטונג". מיר האבן זיי גענוצט און שטארק הנאה געהאט, בעיקר פון זייערע ביליגע פרייזן.

האבנדיג אריינגעמופט דא אין אונזער נייער הויז, ווען יעדער ריר ביים מופן קאסט אפ אסאך געלט, האבן מיר אפגעשטיפט דאס אויסשטאפירן די הויז מיט טשענדעליערס און פאסיגע לעקטער פיקסטשורס. ווען מיר זענען שוין יא געגאנגען קוקן, זענען די פרייזן פאר לייטישע זאכן געווען היבש הויך. זעענדיג די עדווערטייזמענט פון "בריז לייטונג", האבן מיר פראבירט אונזער מזל און אריינגערופן. מיר האבן געשטוינט צו זען אזעלכע פרייזן; ממש

## בריוו איבער ביזנעס געלעגנהייטן אין שכונת ויואל משה

אגוטן, יישר כח פאר אייער שיינע אויסגאבע. אלס אן איינוואוינער וואס האט אהער געמופט פון וויליאמסבורג, וואו מיר זענען געווען צוגעוואוינט צו א גראסערי "אראונד די קארנער" - וואס מען רופט עס דארט א "טורבאן גראסערי" - איז עס עפעס וואס פעלט זיך דא גאר שטארק אוים. אפשר שרייבט איר אינעם מאגאזין אויב עס איז דא א מעגליכקייט פאר איינעם צו עפענען א שטיקל גראסערי, אזא סארט "מיני מארט" פאר די שכנים? אזוי וועט מען האבן א גראסערי צו דער האנט, און מען וועט נישט דארפן זיין באזארגט צו שיקן

שיקט אריין אייערע בריוון, מיינונגען, פידבעק, הערות, אדער עפעס סתם אזוי א "קופקע" דא אין שכונה און ברענג ארויף נושאים וואס איר שפירט ברויך אן עיון. לאזט א מעסעדזש אויף 845.682.1282 אדער שיקט צו letters@svmkipke.com



בסייעתא דשמיא
אייער חלום פון א שיינע קאך, גרינגערהייט!
האט אייער קאך נאכנישט קיין בעקספלעש?
ווילט איר דאבלען די שיינקייט פון אייער קאך?
ווילט איר מאכן אייער ארבעט אין קאך א געשמאק?
ווילט איר אפהיטן אייער וואנט פון שימלען?
מיר מאכן עס גרינג פאר אייך!
מיר ברענגען סעמפלס צו אייך אהיים, צו וועילן גרינגערהייט לויט אייער געשמאק.
מיר מאכן א שיינע פונקטליכע ארבעט, עס נעמט בלויז איין טאג.
איר באקומט אן אימזיסטע נאכטמאל, איר זאלט נישט דארפן קאכן יענע טאג.
פארלענגערט ביז שבועות
$1,850
אלץ א תושב שכונת
ויואל משה גיב איך פאר
אלע תושבי השכונה
$125 אראפ
ביז שבועות
יואל ארי מאללא
א פרישע קאך לכבוד שבועות
NEW SERVICE: WE BRING THE TILES. YOU CHOOSE. INSTALLED TO PERFECTION.
TILE SELECTION MADE EASY.
FREE PIZZA ON THE DAY OF INSTALLATION
Just
$1,975
TILES INCLUDED
SKYTILE
SALES & INSTALLATIONS
Don't overthink it — Call now
באנייט אייער חלום קאך
דעם קומענדיגן שבת
באשטעלט שוין
845 200 2600
skytileny@gmail.com
אייער פריינט
יואל ארי מאללא
תושב השכונה
Describe•biz

# שכן צו שכן

▶ די קינדער קראסן די ברייטע און שווערע גאסן.
יישר כח.

א גוטן. ביטע, אויב איר קענט, לייגט אריין מיין מעסעדזש אין די "שכן צו שכן" אפטיילונג. עס קומט יעצט אי"ה א שטארקע חתונה סעזאן נאך שבועות ביז די דריי וואכן, ווען יעדע משפחה גייט האבן שמחות זיך צו באטייליגן. אבער שטענדיג איז דא די פרעשור פון טרעפן בעיביסיטערס פאר די קלענערע קינדער, כדי מען זאל זיך קענען באטייליגן רואיג ביי א שמחה.

עס וואלט אפשר געווען א גוטע עצה אויב איינער קען עפענען א בעיביסיטער סענטער דא אין שכונת ויואל משה, וואס זאל זיין אפן דורכאויס די חתונה סעזאן פון 5:00 אדער 6:00 נאכמיטאג ביז 2:00 אדער 3:00 פארטאגס, אזוי אז מען זאל קענען ברענגען די קינדער פאר בעיביסיטינג צווישן יענע שעות.
אזוי אויך ווען די מוסדות מאכט אן אסיפה, אדער ווען עס זענען דא גראדואעישאנס, וואלט געווען פאסיג צו האבן א סערוויס און א פלאץ וואו ארייננצוברענגען די קינדער. ווען עס זענען דא מער קינדער איניינעם קען מען מאכן גוטע פרייזן, און יעדער וועט הנאה האבן בעזר השם.




STARTING AT
$999
STARTING AT
$399
STARTING AT
$599
BEAUTIFUL.
NOT EXPENSIVE.
MAKE YOUR SHAVUOS BEAUTIFUL WITH A NEW VASE THAT FITS YOUR BUDGET
The beautiful pieces you've been eyeing are now within reach. Just in time for Shavuos, discover a stunning selection of vases to fill your home with beauty without emptying your wallet.
Monroe The Icon Mall | Lakewood Seagull Square Mall | Williamsburg The W Mall
WhatsApp, text or email for free delivery on demand
845.774.8468 | Info@heritagesilver.com | heritagesilver.com
HERITAGE
Value Collection

# א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונותינו

## שאלה

**עס קומט מיר אויס צו זיצן און לערנען אסאך אין די בתי מדרשים דא אינעם געגנט. וואס איז די הלכה אויב איך מעג ברענגען מיין פאון טשארדזשער צו טשארדזשן מיין סעלפאון מיט די לעקטער פון בית המדרש?**

## תשובה

א בית המדרש בזמנינו שטעלט צו פארשידענע באקוועמליכקייטן לטובת די מתפללים ולומדי בית המדרש, און אין דעם איז אויך נכלל דאס ריטשארדזשן א בעטערי וואס לויפט אויס.

[אגב, אמאל קען אויסקומען ביליגער פארן בית המדרש אז מען זאל דארט אנפילן די בעטערי, ווי איידער מען זאל דארפן אהיימגיין דאס אנפילן. אנצופילן א בעטערי פון א כשר'ע טעלעפאן קאסט בערך א צענטל פון א סענט; דאס איז ביליגער וויפיל עס קאסט ווען א מענטש קומט אריין אין ביהמ"ד פארשוויצט, וואשט זיך אפ דאס פנים, ווישט זיך אפ מיט פאפיר פון בית המדרש און נעמט א גלעזל וואסער. ווער רעדט נאך אויב ער פארשמועסט זיך ביים אפענעם טיר, וואס דאס גורם אז די סענסארס זאלן אויפכאפן דעם היציגן וועטער און אנצינדן די עיר קאנדישן.]

## קיפקע

אריינצושיקן שאלות לאזט א מעסעדזש
אויף 845.682.1282 אדער שיקט צו
letters@svmkipke.com





ads@svmkipka.com
845.682.1282

# ער פרעגט

ענטפערס

?




➤ **ענטפער 3:** לויט מיין מיינונג איז יא זייער וויכטיג צו לייגן נומערן אויף די פארקינג ספאטס, בפרט אין גרויסע אידישע בנינים וואו עס וואוינען אסאך משפחות.

עס איז זייער שיין געווען צו ליינען די מיינונג פאריגע וואך איבער אהבת ישראל. מען קען טאקע רעדן שיין וועגן אהבת ישראל און הכנסת אורחים, און זיכער זענען דאס הייליגע זאכן וואס יעדער איד דארף מקיים זיין. אבער אהבת ישראל הייבט זיך אויך אן מיט דעם וואס א מענטש זאל קענען קומען אהיים רואיג, אן דארפן זיך ארומדרייען א האלבע שעה זוכן וואו צו פארקירן. ווען עס איז נישט דא קיין סדר, ברענגט דאס אסאך מאל מחלוקת, כעס, און אומבאקוועמליכקייט צווישן שכנים.

יעדער איינער האט א לאנגן טאג. מענטשן קומען אהיים שפעט פון ארבעט, מיט קינדער, פעקלעך, אדער נאכן ארומפארן א גאנצן טאג. ווען א מענטש האט א באשטימטע פארקינג ספאט, ווייסט ער אז ער האט וואו אנצוקומען. דאס גיבט א רואיגקייט און שפארט אסאך נערוועז.

אין אמת'ן, נומערן אויף פארקינגס נעמען נישט אוועק קיין אהבת ישראל. פונקט פארקערט – עס מאכט קלארקייט און פארמיידט אומאנגענעמע סיטואציעס..

נאך א זאך וואס מען זעט זייער אפט: ווען עס איז נישט דא קיין נומערן, קומען מענטשן פון דרויסן וואס גייען צו די בתי מדרשים אדער צו אנדערע פלעצער אין געגנט, און זיי פארקירן אין די רעזידענטס' פארקינגס. דער מענטש וואס צאלט יעדן חודש פאר זיין דירה און פארקינג קומט אהיים און האט פשוט נישט וואו צו לייגן זיין קאר. דאס ברענגט אסאך עגמת נפש און טענות.

אזוי אויך, ווען עס איז נישט דא קיין קלארע סיסטעם, זענען דא מענטשן וואס נעמען צוויי פלעצער מיט איין קאר, אדער זיי פארקירן קרום און פארשפארן א צווייטן ספאט. אמאל שטעלט איינער זיין צווייטע קאר אין א גוטע פלאץ פאר טעג, בזמן וואס אנדערע דרייען זיך ארום זוכן פארקינג. ווען עס איז דא נומערן און א קלארע סדר, ווערט דאס פיל ווייניגער.

און לגבי געסט און שמחות – יעדער פארשטייט אז אין א אידישע שכונה קומען געסט. מען קען אלעמאל האבן אביסל געפיל ווען עס פעלט אויס, אדער אפמאכן צווישן שכנים. אבער א גאנצע פארקינג לאט קען נישט ארבעטן בלויז אויף "אפשר וועט זיך עפעס אויסשטעלן". א בנין מיט צענדליגער משפחות דארף האבן א קלארע סיסטעם.

מיר דארפן געדענקען אז סדר איז אויך א אידישע זאך. ווען יעדער ווייסט זיינע רעכטן און פליכטן, איז דא ווייניגער מחלוקת און מער שלום. און שלום צווישן שכנים איז אויך א גרויסע מצוה.

Unwind in a cozy, soft, spa-ambience where the experience matters as much as the results. Treat yourself, and get treated effectively.

**THE FINGERTIPS WAY.**

## A softer experience. Stronger Results.

# At your fingertips.

Fingertips, a trusted name in laser, is proud to bring you a revolutionary laser machine using advanced tech innovation for hair-raising faster results. Featuring contact cooling, an ice-cold glass that touches directly your skin- working simultaneously with the laser, it ensures the maximum comfort of all laser machines in the Tri-state area.

Special Kallah Promotion:

**Get a teeth whitening for only $175 with your laser package signup!**



Fingertips

With a gentle touch

YACHY FARKAS NYSC

1 BEER SHEVA (SVM)

- Famous Flatbush facials- finally local! Selling coordinating products
- Highly- effective Teeth whitening
- Laser and Electrolysis

**BOOK YOUR GLOW-REVEALING APPOINTMENT: CALL 845.782.9224**

Pessy@PessyFriedman.com

מען דארף שוין מער נישט קראסן די גאס איינקויפן עפעס פאר שבת!

# אלעס פאר שב

# פון א' ביז ת'

## פיש / דיפס / זופ / פלייש / טשולענט / אלע מינע

## נאש / ליכט / פעפער גוד'ס / טרינקען און נאך......

מיר האבן די באקאנטע
גוטע חלות פון גליק'ס
בעקערי (מאנסי)

רייכע אויסוואל
פון געשמאקע עסן
פאר ליל שישי

מיר האב
היימי
runch

אויסוואהל פון עטליכע
עקסלוסיווע דיפ'ס פאר
ONLY 2.99 ~~5.50~~

דאן מאניועל'ס (Don Manuel) גרעיפ דזשוס
ONLY 9.99 ~~13.00~~



~~5.00~~

## 5 באר שבע #006

**ליל שישי:** פון 6:00 ביז 11:30 | **ערב שבת:** פון 12:00 ביז א האלבע שעה פא

ת

ספעשל פרייזן
און חידושים
יעדע וואך!

קוגלען / חלות / היימישע קעיק / בלומען /

שיינע איסווייל
פון בלומען דורך
primrose

ן אריין באקומען די פרישע
ע קעיק פון Cravers
cr און פון Ropogosh

2 סעט
הדסים
ONLY 2.99

טועמיה
געשמאקע מאכלי שבת

רן זמן

# זי פרעגט ענטפערס



**שאלה פון פאריגע וואך: וועלכע נאכטמאל איז דאס בעסטע פאר אייערע קינדער, וואס זיי גלייכן דאס מערסטע און עסן עס אויף גרינגערהייט?**

**ענטפער 3:**

יישר כח פאר אייער שיינע אויסגאבע.

צום "זי פרעגט" אפטיילונג איז מיין ענטפער, אז די בעסטע און גרינגסטע נאכטמאל אין א אידישע הויז איז בדרך כלל אזא סארט עסן וואס:

1. מען קען מאכן שנעל.
2. די קינדער עסן עס מיט אפעטיט.
3. עס מאכט נישט קיין גרויסע באלאגאן אין קאך.
4. עס לאזט איבער אביסל רואיגקייט פאר די מאמע...

דא זענען עטליכע פון די "קלאסישע אידישע נאכטמאלס" וואס כמעט יעדע שטוב קען זיך דערמיט באציען:

**אייער מיט ברויט/בייגל/ראללס:**

שנעל און ביליג. עס מאכט זאט. מען קען צולייגן טונא, קאטעדזש טשיז, סאלאטן, אראנדזש דזשוס א.ד.ג.

**פאניני איידיעס:**

מיט טשיז, טונא, אייער, אוואקאדא, מען קען צולייגן א גרינגע זופ.

**קוגל נאכטמאל:**

נאך זייער א גרינגער געשמאקער נאכטמאל איז א גרויסע פאטעטא קוגל מיט א נאראהאפטיגער סאלאט. אויב ווייסט איר נאכנישט, אסאך אידישע שטובער לעבן אויף דעם... א גוטע הייסע קוגל מיט א פרישע סאלאט קען זיין א גאנצע נאכטמאל.

**פיצא:**

אדער איז דא די אמעריקענער שנעלער נאכטמאל פון א פיצא נאכט... ווען מען וויל שלום בית אין שטוב... פיצא ארבעט כמעט אלעמאל.

מען דארף געדענקן אז די אמת'ע בעסטע נאכטמאל איז נישט דווקא וואס איז פענצי עסן. די בעסטע נאכטמאל איז ווען: די מאמע איז נישט אויסגעמוטשעט! די קינדער זענען זאט! און מען קען זיצן רואיג אפאר מינוט צוזאמען.

אסאך מאל איז א פשוט'ער אייער-נאכטמאל מער ווערט ווי א "פינף-קורס מאלצייט" מיט אנגעצויגענע נערוון...



אזוי שיין ווערט עס אויסזעהן!



אזוי ווי דעם האט עס אויסגעזעהן?

ווערצבערגער

שטריימל סערוויס

שיין אויסגלאטן די האר | איבערפרישן די קרוין

פארבן | פרעסן | גלאנצן | און נאך

מיר ווערלן עס אויפפיקן פון אייער טיר און דעליווערן צו אייער טיר

שרגא ווערצבערגער · 347.701.1764 · 11 Austra Pkwy

Radiance

Years Of Experience In Laser & Electrolysis.

"We are now offering teeth whitening service"

Now doing

Day & Night Hours

Ask for Our

Specials & Promotions

Radiance

Rachel Esther Werczberger
11 Austra Pkwy #302
845-782-3727

Laser with double cooling to minimize pain, we guide you when to do laser when to do electrolysis.



ads@svmkipka.com
845.682.1282

קופקע

אייער פרייוועט
יוסף פנחס פאללאק
תושב השכונה

# ווען ווארטן 4 מינוט איז זייער לאאאאנג

## קאלל א קארסעיף

carsafe

845.512.5555




Safety in every turn

קרית יואל
פארט מיט
קארסעיף

CALL OR TEXT
24 HRS A DAY

LOCAL AND
LONG DISTANCE

MGM HelloMGM.com



קופקע

ads@svmkipka.com
845.682.1282




# Phone Orders

***unmatched in speed and reliability***

Enjoy fast and convenient phone ordering. Relax while we prepare your order and deliver it right to you.

MAKE YOUR ORDER DURING THE **NIGHT HOURS** AND GET IT DELIVERED BY **7:30 IN THE MORNING.**

**NO MISSING ITEMS.** WE WILL ALWAYS CALL YOU TO ASK WHAT YOU WOULD LIKE AS A REPLACEMENT

**A DEDICATED DELIVERY VAN FOR SHCHINAS VYOEL MOSHE**




gesheft™

33 Dinev Rd | 845.244.9666
orders@gesheftkosher.com
www.gesheftkosher.com

# אינטערוויו

אינטערוויו מיט ביזנעס
אייגנטומער פונעם געגנט

## ר' בנציון זאלדאן
## "נעוויגעישאן"

NAVIGATION
JEWISH CAREER NETWORK

**וואס טוט "נעוויגעישאן"?**
אין קורצן מסביר צו זיין דעם קאנצעפט פון "נעוויגעישאן" אין איין ווארט: מען ארבעט מיט מענטשן.

אין ביזנעס דארף מען דאך צוקומען צו מענטשן. א ביזנעס דארף האבן געלונגענע מענטשן אלס טייל פונעם ארבעטס קראפט. מיר באגלייטן און פאראהאנדלען ביים טרעפן און אויפנעמען די ריכטיגע און פאסיגע ארבעטער פאר אלע סארט פאזיציעס אינערהאלב היימישע פירמעס. מיר באגלייטן דעם גאנצן פראצעס פון "הייערן און פייערן" - דאס אלעס גייט אריין אין דעם באגריף פון "נעוויגעישאן".

עס נישט צו פארמישן מיט א פשוט'ע "רעקרוטינג סערוויס". מיר זענען דא פאר פירמעס וואס זוכט א קוואליטי ארבעטער, נישט סתם א "ראבאט". עס איז דא א קאנצעפט פון פשוט דארפן ערפילן א געוויסן טעכנישע ארבייט, און פארדעם הייערט מען איינעם; דאס איז א מענטש וואס זוכט מער א "ראבאט דזשאב". אבער אויב דארף מען איינעם וואס זאל ברענגען א ווערד פאר די קאמפעני און ארויסהאבן די זאך, דאן קומט ""נעוויגעישאן" אריין.

לעצטנס טוען מיר דאס אויך אסאך, מיר קומען אראפ צו פירמעס לאקאציעס זיכער צו מאכן אז יעדער טוט די בעסטע ארבעט, אז די טיעם ארבעט גייט צוזאמען. אז מען זאל נישט פילן אז איינער איז העכער פונעם צווייטן. מיר שטעלן יעדן אויפ'ן ריכטיגן פלאץ, צי דורך ברענגען נייע כוחות אדער דורך ארומטוישן פאזיציעס, כדי אלעס זאל פארן געשמירט און אנגענעם.

**ווי לאנג צוריק ביסטו אריין אין דעם ליין, און פארוואס האסטו אויסגעוועלט דוקא דעם פעלד?**
מיר טוען דאס שוין בערך דריי יאר. איך האב עס אנגעהויבן נאך קאוויד, ווען עס זענען געווען אסאך רעקרוטערס. אבער עס האט געפעלט די הארץ פון פארשטיין די נשמה ביים אויפנעמען אן ארבייטער וואס זאל באמת זיין פאסיג. איך האב מיטגעהאלטן ווייל איך האב געטון דאן אין פראגראמען צווישן אינגעלייט און בחורים; איך האב גערדילט מיט אינגעלייט צו פאראהאנדלען בעסער און פארשטענדליכער. מיר האבן דאן געזען דעם געברויך פון צולייגן הארץ צווישן בעלי בתים און ארבייטערס, אז נישט ווען עס לויפט אדורך א שווארצע קאך דארף מען פייערן. מיר האבן אנגעהויבן צו טון דערין און געהאלפן מענטשן דערין, אזוי איז עס געגאנגען ווייטער און ווייטער, ווען אונזערע קליענטן זענען ב"ה זייער צופרידן פון אונזערע סערוויס און וואנדערן זיך ווי אזוי זיי זענען אנגעגאנגען אן דעם בעפאר.

אונזער לאזונג איז: מיר דילן נישט מיט קיין רעזומעיס, מיר דילן מיט מענטשן.

**האסטו געהאט סיי וועלכע אינטערעסאנטע עקספיריענס אין ביזנעס?**
ווי באלד מיר דילן מיט מענטשן, זענען דא זייער אינטערעסאנטע זאכן. אן אינטערסאנטער עקספיריענס: מיר האבן שוין





**Do you want to lower your utility bill? if you have Medicaid or SNAP/Food Stamps - you are automatically approved.**

יצחק הערש לעבאוויטש

**text or leave a message: 845-774-5085**

געהאט א איד פון כמעט אכציג יאר וואס האט מיר געקלונגען זוכן א דזשאב... ער האלט זיך פריש ביז די 120. עס זענען דא מענטשן וואס זענען אנדערש ביים ארבעטן מיט זיי, ווי אזוי מען קוקט זיי אן אויפן גאס, און נאך פארשידענע זאכן.

**וואס זאגסטו צו די יעצטיגע עקאנאמיע בנוגע דזשאבס?**

אונזער שווערע זאך איז, אז ווען מיר ברענגען דזשאבס מיינט מען אז וויבאלד מיר זענען א ביזנעס פון פלאצירן מענטשן אויף דזשאבס, ארבעט עס "מעדזשיק". אז מען קלינגט אריין, טרעפט מען גלייך די דזשאב וואס מען רעדט זיך איין אז מען זוכט און מען גייט באקומען.

אבער עס איז נישט אזוי. פונקט ווי ביי שידוכים דארף מען זיך נאכפרעגן, אבער זיין אפן צו זען וואס עס איז דא אויפן מארקעט וואס איז דאס בעסטע פאר דיר, דאס זעלבע איז מיט דזשאבס. מיר קענען העלפן צו זיין קלארער און וויסן וואס איז מער געאייגנט, בסייעתא דשמיא.

**אלץ אן איינוואוינער פון שכונות וויואל משה, וואס קענט איר זאגן איבער די שכונה פון אייער ביזנעס?**

גוט אז דו פרעגסט. וואס איך בין זייער איבערגענומען פונעם געגנט דא, אז זייענדיג אין די ליין פון העלפן אידן טרעפן דזשאבס און פאסיגע פרנסות, קומט אויס מיטצוהאלטן פון דער נאנט ווי די חשוב'ע רבנים שליט"א אינעם געגענט, אזוי אויך זייער אסאך תושבים רופן אן און פארבירן ארויסצוהעלפן די איינוואוינערס זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס דורכ'ן טרעפן פאסיגע גוטע דזשאבס.

עס איז זייער א שיינע זאך דאס אליין מיטצוהאלטן טאג טעגליך ווי איינער דעם צווייטן העלפן זיך ארויס, וואס דאס אהבת חברים און אחדות'דיגער צוזאמלעבן צווישן די היזיגע שכנים, מאכט דער געגנט פאר א געשמאקער און הערליכער סביבה.

**וואס איז אייער נומער צו רופן צו געניסן פון אייערע סערוויסעס?**

845-751-1777

יישר כח און אסאך הצלחה












קיפקע

ads@svmkipka.com
845.682.1282

סופר סת"ם
ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, רצועות, בתים

יואל מארקאוויטש
845-324-0063
תושב שכונת יואל משה

# קלאסיפיידס

ARBONNE - Selling Skincare, makeup, and nutrition product! Call/Text us today
845.281.5294
FREE DELIVERY!

Shaklee ~ Get your shaklee vitamins,skincare,laundry and cleaning products at great prices! This week special nature bright $14 call or text 845-248-7859

משפחה שמחה דא און געגענט? א
אויסגערישטע דירה מיט 5-6 בעטן
צו פארדינגען אינמיטן די שכונה.
טאג/וואך, אויך א 1 רום נאר צום
שלאפן. 917-613-6622

אויב ווייסט איר פון א מהלך וויאזוי
מ'קען מאכן א פאדער שטוב מיט א
טיר ביי די 6.5 רום סטיל דירה דא אין
שכונה, ביטע רופן 845-537-7036
א גרויסן ישר כח


# PROFESSIONAL *Makeup*

FOR ALL YOUR SIMCHAS

- CUSTOM LOOK TAILORED TO YOUR STYLE
- SPECIALIZING IN LONG LASTING SHABBOS MAKEUP
- HOUSE CALLS AVAILABLE
- ALSO OFFERING BROW AND LASH TINTING

BOOK NOW | *L. Ekstein* | 845-806-0119




# Looking for approximately 2,000 square feet in SVM for a temporary grocery/canteen-style store.

The space should be located in a building with permission and agreement from all residents.

*Compensation included:*
*Residents of the building will receive approximately $40–$50 monthly store credit at the grocery.*

**For more information please call (845) 459-0884**

Faigy Deutsch
portrait photographer

347-587-0839
visit Faigydeutsch.com



exotic • team

# שפעט קומען
# איז מער
# נישט קיין
# תירוץ



פריימערי דאקטורים
פון 9:00
ביז 9:00
*9 AM* — *9 PM*

Your Health, Close To Home - Nestwell primary Care Near Shechinas V'yoel Moshe

**Nestwell**
Family Health

745 RT 17M #103
MONROE NY 10950
845.782.4000
NESTWELLHEALTH.ORG

*Primary Care*
*Acute Care*
*Specialty Care*

*Convenient primary care with late hours* — Schedule your appointment today.

HOURS: SUNDAY 10AM - 8PM | MON.-THUR. 9AM - 9PM | FRIDAY 9AM - 5PM

TRANSPORTATION AVAILABLE

עד דעדליין פאר דעם קומענדיגן ”קופקע“
וואס וועט בעז״ה ערשיינען אויף שבועות
איז קומענדיגן זונטאג 6:00 נאכמיטאג

**ads@svmkipka.com**
**845.682.1282**